**אויף תיכף ארויסצוגעבן:**11/4/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האוקאל אנאנסירט 4 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע געלטער דא צו באקומען צו פארשטערקערן די סטעיט'ס גייסטישע געזונטהייט ארבעט'ס קראפט פון ארבייטער מיט אייגענע ערפארונג**

***געלטער וועלן שטיצן פארמערונג אין באהאנדלונג אפציעס און פארברייטערן ארבעטס קראפט***

גאווערנאר קעטי האוקאל האט היינט אנאנסירט אז די ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט (Office of Mental Health, OMH) האט באקומען 4 מיליאן דאלאר צו שטיצן דאס אויפנעמען און האלטן ארבעטער פאר גייסטישע געזונט באהאנדלונג וועלכע וועט שטיצן די סטעיט'ס גייסטישע געזונטהייט סיסטעם דורכן פארמערן די צוטריט צו סערוויסעס צו ערמעגליכן מענטשן מיט גייסטישע געזונטהייט ערפארונג צו ארבעטן, שטיצנדיג אנדערע איינצלנע מענטשן און פאמיליעס מיט א ברייטע רייע פון באהאנדונג און סערוויס אפציעס.

"גייסטישע געזונטהייט איז וויכטיג, און איך וויל אז יעדע ניו יארקער זאל וויסן אז זיי זענען נישט אליין", **האט גאווערנאר האוקאל געזאגט.**"מיר וועלן פארזעצן צו פארשטערקערן אונזער סטעיט'ס גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס צו נאכקומען די געברויכן פון ניו יארקער אלץ טייל פון אונזער ערהוילונג פון די פאנדעמיע."

די פעדעראלע געלטער זענען ערהאלטן געווארן דורך צייט-באגרעניצטע פארברייטערונגען פון די קאמיוניטי גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס בלאַק גרענט ( Community Mental Health Services Block Grant) און די העכערונג פון די פעדעראלע מעדיצינישע הילף פראצענט אין די פינאנצירונג פון מעדיקעיד פראגראמען.

OMH לייסענסירטע, פינאנצירטע און אויספלאנירטע פראגראמען זענען בארעכטיגט צו באקומען די געלטער צו פארברייטערן צוטריט פאר יונגווארג, פאמיליע און ערוואקסענע באקומען שטיצע סערוויסעס פון אנדערע מיט אייגענע ערפארונג צוגעשטעלט דורך די סערטיפייד און טרענירונג פון אייגענע ערפארונג גייסטישע געזונטהייט ארבעטס קראפט. די געלטער וועלן פארברייטערן צוטריט צו סערוויסעס דורך מענטשן וועלכע האבן אייגענע ערפארונג, א מעטאד וואס איז באזירט אויף באווייזן אז עס איז ווירקזאם, שטופנדיג פאר פארבינדונגען וועלכע זענען פאסיג דעמאגראפיש, לויט שפראך און קולטור.

געלטער קענען גענוצט ווערן צו גיבן באלוינונגען פארן אויפנעמען און האלטן ארבייטער צו שטיצן און פארברייטערן די סערטיפייד און טרענירטע גייסטישע געזונטהייט ארבייטער וואס האבן אייגענע ערפארונג, אריינרעכענענדיג ניו יארק-סערטיפייד ספעציאליסטן וואס האבן אייגענע ערפארונג, טרענירטע יונגווארג אדוואקאטן און פאמיליע אדוואקאטן וועלכע האבן אייגענע ערפארונג צו בעסער צושטעלן די סערוויסעס צו נאכקומען די באדערפענישן פון ניו יארקער וועלכע באנוצן זיך מיט גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס פון די OMH.

**OMHקאמישאנער דר. ען סאַליוואַן האט געזאגט,** "שטיצע ארבייטער וועלכע האבן אייגענע ערפארונג מיט גייסטישע קראנקייטן אדער זענען פאמיליע מיטגלידער וועלכע גיבן זיך אפ מיט יונגווארג מיט גייסטישע קראנקייטן. זיי האבן געהאט הצלחה אין ערהוילונג, און זיי נוצן זייער ערפארונג, סקילס און טרענירונג צו שטיצן אנדערע אויף זייער רייזע צו ערהוילונג.ארבייטער וועלכע האבן אייגענע ערפארונג זענען גאר ווירקזאם ביים העלפן מענטשן וועלכע לעבן מיט גייסטישע קראנקייטן צו ערגרייכן זייערע אייגענע ציהלן און לעבן פולע לעבנס אין זייערע קאמיוניטיס.די צוגעקומענע געלטער איז וואונדערליכע נייעס פאר אזויפיל מענטשן און פאמיליעס, וויבאלד עס וועט דראמאטיש פארברייטערן און פארמערן צוטריט צו פראגראמען פון ארבייטער מיט אייגענע ערפארונג ארום די סטעיט."

**קאנגרעספרוי איוועט קלאַרק האט געזאגט,** "די 4 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע פינאנצירונג, ערהאלטן היינט דורך גאווערנאר קעטי האוקאל, צו אונטערהאלטן אונזער סטעיט'ס גייסטישע געזונטהייט ארבייטער איז גאר גוטע נייעס. די קריטישע געלטער זענען געווי פאר וואס איך און מיינע קאלעגען האבן געקעמפט אין קאנגרעס. געלטער צו שטיצן די ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט איז געווען גאר דרינגנד, און עס וועט צוריק באקומען די צוטרוי אין איבערגעארבעטע און נישט גענוג באצאלטע גייסטישע געזונטהייט ארבייטער. די אנגריף פון קאוויד-19 און די אנגייענדע קאנסעקווענצן דערפון אין די סטעיט – און באזונדערס אין מיין דיסטריקט – ווערט ווייטער געפילט, און די אנאנס איז די הילף פאר וואס מיר האבן זיך געבעטן. גייסטישע געזונטהייט ארבייטער זענען קריטיש וויכטיג פאר אונזערע פארנאכלעסיגטע קאמיוניטיס וועלכע זענען אין נויט פון שטיצע און פון פעדעראלע קוועלער. די געלטער וועלן אן א ספק מאכן אן ענדערונג אין די לעבנס פון די מענטשן וועלכע פארלאזן זיך דערויף, און מיר זענען דאנקבאר דערפאר וויבאלד עס איז גאר וויכטיג צו האלטן אז ניו יארק'ס גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס זאלן ארבעטן ווי עס דארף צו זיין."

**קאנגרעסמאן פאול טאַנקאָו האט געזאגט,** "דורכאויס די אנגייענדע פאנדעמיע, זענען די גייסטישע געזונטהייט געברויכן פון אונזערע קאמיוניטיס געווארן פיל העכער. פארברייטערן באהאנדלונג אפציעס און ארויסבויען אונזער גייסטישע געזונטהייט ארבעט'ס קראפט איז גאר וויכטיג צו קענען צושטעלן די שטיצע וואס אמעריקאנער דארפן, און דאס איז די סיבה פאר וואס איך האב געשטופט די קאנגרעס צו שיקן די פעדעראלע געלטער אלץ טייל פון אונזער קאוויד אפרופונג און נאך געזעצן. איך בין דאנקבאר פאר די גאווערנאר פארן שטיצן די קריטישע באמיאונג צו פארבעסערן און פארברייטערן גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס פאר ניו יארקער."

**קאנגרעספרוי קעטעלין רייס האט געזאגט,** "די קאוויד-19 פאנדעמיע האט איינגעמאנט א שווערע פרייז פון ניו יארקער וועלכע מוטשענען זיך מיט גייסטישע קראנקייטן. די פעדעראלע געלטער וועלן דינען די באפעלקערונגען דורכן פארשטערקערן די סערוויסעס דורך ארבייטער וועלכע האבן אייגענע ערפארונג און דורכן זיכער מאכן אז צוגענגליכע שטיצע איז דא צו באקומען אין א צייט ווען עס פעהלט אויס מער פון סיי ווען בעפאר. איך באדאנק גאווערנאר האוקאל פארן לייגן די אנגעלעגנהייט פאר א פריאריטעט."

**קאנגרעסמאן אדריאַנאָ עספאַיאַט האט געזאגט,** "אפילו בעפאר קאוויד-19 האט אנגעברענגט שוועריגקייטן וועלכע זענען נישט געזעהן געווארן בעפאר, האבן מיר זיך געספראוועט מיט א גייסטישע געזונטהייט קריזיס. די פאנדעמיע טוט פארזעצן צו אויפדעקן טיפע לעכער אין אמעריקע'ס יסודות, אריינרעכענענדיג אין אונזער גייסטישע געזונטהייט סיסטעם. איך לויב אויס גאווערנאר האוקאל פאר אירע אנגייענדע באמיאונגען און פירערשפאפט אדרעסירנדיג די גייסטישע געזונטהייט און וואוילזיין פון מענטשן און פאמיליעס איבער ניו יארק סטעיט און פארן צוטיילן די צוגעקומענע פעדעראלע געלטער צו פארשטערקערן די סטעיט'ס גייסטישע געזונטהייט פראגראמען. אזוי ווי קאמיוניטיס טוהען זיך ווייטער

צוריק אויפבויען, איז עס קריטיש אז גייסטישע געזונטהייט און וואוילזיין בלייבן אין די פארנט פון אונזערע באמיאונגען צו העלפן צוריק ברענגען איינוואוינער צוריק אויף די רעלסן."

**סטעיט סענאטארשע סאַמראַ ברוק האט געזאגט,** "אלץ טשעיר פון די סענאט קאמיטע אויף גייסטישע געזונטהייט (Senate Committee on Mental Health), קען איך נישט מגזים זיין מיט די וויכטיגקייט פון די צוגעקומענע געלטער אינוועסטירט אין די אנטוויקלונג פון אן ארבעט'ס קראפט פון גייסטישע געזונטהייט ארבייטער מיט אייגענע ערפארונג. אזוי ווי קאמיוניטיס איבער גאנץ ניו יארק סטעיט ארבעטן זיך צו ערהוילן פון די פאנדעמיע, קען די נויט פאר א פעסטע, קוואליפיצירטע און קולטוריש-פעאיגע גייסטישע געזונטהייט ארבעט'ס קראפט נישט זיין מער וויכטיג. מיר ווייסן אז קאונסעלינג און אדוואָקעסי פון מענטשן מיט אייגענע ערפארונג איז איינס פון די מערסט ווירקזאמע וועגן צו שטיצן מענטשן און פאמיליעס וועלכע מוטשענען זיך מיט גייסטישע געזונטהייט, און איך בין דאנקבאר אז גאווערנאר האוקאל אנערקענט די נויט, און איך קוק ארויס צו זעהן ווייטערדיגע אינוועסטירונגען אין די צוקונפט."

**סטעיט אסעמבלי מיטגלידערין עילין גאָנטער האט געזאגט,** "סערוויסעס דורך מענטשן מיט אייגענע ערפארונג זענען די יסודות פון סוקסעספולע געזונטהייט באהאנדלונג פאר אזויפיל מענטשן אין ניו יארק סטעיט. די צוגעקומענע געלטער וועט זיין א געוואלדיגע פאר די שווער-ארבעטנדע מענער און פרויען וועלכע שטעלן צו די אומשאצבארע סערוויסעס. איך וויל באדאנקען גאווערנאר האוקאל פארן פארזיכערן די געלטער."

**CEO פון Mental Health Empowerment Project (גייסטישע געזונטהייט חיזוק פראיעקט) עימי קאָולעסאַנטעי האט געזאגט,** "Mental Health Empowerment Project איז גאר פריילך צו זעהן די אפיס פון גייסטישע געזונטהייט אנערקענונג פון שטיצע דורך מענטשן מיט אייגענע ערפארונג דורך די פינאנצירונג באמיאונגען צו פארברייטערן די ארבעט'ס קראפט אין ניו יארק סטעיט."

**CEO פון Families Together (משפחות צוזאמען) אין ניו יארק סטעיט, פעידזש פיערס, האט געזאגט,** "צענדליגע יארן צוריק, ווען די באוועגונג פון שטיצע פאר פאמיליעס דורך אנדערע פאמיליעס מיט אייגענע ערפארונג איז געבוירן געווארן דורך די פארשטאנד אז פאמיליעס וועלכע האבן אייגענע לעבנ'ס ערפארונג מיטן זיך אן עצה צו געבן מיט די סיסטעמען צוזאמען מיט זייערע קינדער און יונגווארג קומט מיט איר אייגענע אייגנארטיגע שוועריגקייטן. "איך בין אריבערגעגאנגען וואס דו גייסט אריבער" זענען מאכטפולע ווערטער פאר עלטערן צו הערן ווען זיי ספראווען זיך, פילנדיג פארצווייוולט, אליין, ווי מענטשן זענען זיי דן, און די טרויער וואס זיי פילן בשעת'ן משלים זיין מיט זייער קינד'ס דיאגנאזע און זיך אריבערזעהן די סערוויסעס סיסטעם. אין די נאמען פון די עלטערן וועלכע האבן געגרונדעט די הילף דורך פאמיליעס מיט אייגענע ערפארונג און די וועלכע האבן בענעפיטירט דערפון, טוהען מיר אויסדרוקן אונזער טיפסטע דאנקבארקייט פאר גאווערנאר האוקאל'ס איבערגעגעבנקייט צו פארברייטערן די קריטישע ראלע."

**CEO פון ניו יארק פארבאנד פון פסיכיאטרישע ריהעביליטישען סערוויסעס (New York Association of Psychiatric Rehabilitation Services) האַרווי ראזענטאל האט געזאגט,** "שטיצער מיט אייגענע ערפארונג האבן שוין פון לאנג געשפילט א וויכטיגע ראלע מיטן העלפן א ברייטע פארשידנארטיגע גרופע ניו יארקער צו טרעפן די האפענונג, ערמוטיגונג און מוסטער צו פארבעסערן זייער געזונטהייט און ערהוילונג. פילע דאנקען קומען זיך פאר גאווערנאר האוקאל און פאר קאמישאנער סאַליוואן פארן דאס ערמעגליכן צו פארברייטערן די צוטריט צו סערוויסעס דורך מענטשן מיט אייגענע ערפארונג אין א צייט ווען עס פעהלט זיך אויס מער פון סיי ווען."

**דירעקטאר פון Youth Power (יונגוואַרג שטאַרקייט) טיערע ספרינגער-לאַוו האט געזאגט,** "הילף פון יונגע מענטשן מיט אייגענע ערפארונג איז א ראלע וואס איז אויספלאנירט דורך און פאר יונוואַרג און יונגע מענטשן. ווען יונגע מענטשן קענען שטיצן איינער דעם אנדערן, געשעהען וואונדערליכע זאכן. די אינוועסטירונג אין די יונגוואַרג הילף ארבעט'ס קראַפט פון יונגע מענטשן מיט אייגענע ערפארונג וועט מאכן יונגוואַרג און יונגע מענטשן מער פארמישט מיט קאמיוניטי ווען זיי ווערן ערוואקסענע. די קאוויד-19 פאנדעמיע האט געהאט נעגאטיווע ווירקונגען אויף אלע יונגוואַרג און יונגע ערוואַקסענע. טיפע, געמיינזאמע פארבינדונגען צווישן מענטשן וואס האבן אליין ערפארונג איז גענוי וואס מיר דארפן אין די צייט כדי צו בליהען."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov